בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' אמור | כ"ט ניסן | תשע"א | פסחים: ג"א.

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט זענען די חברי הכולל פון די ניי געגרינדעטע מסגרת "כולל חצות" אינערהאלב מבצר הכוללים ד'קרית יואל, אריין אל הקודש פנימה לקבל ברכת קדשו פון רבינו שליט"א.

דער נייער מסגרת פון "כולל חצות" איז א מסגרת אין וועלכע א שיינע מספר פון אברכים מתמידים האבן זיך אנגעשלאסן צו לערנען אין כולל דורכאויס די נאכט שעות, און ווען עס קומט די צייט, דאווענט מען וותיקין מיט א ברען.

דער סדר הכולל הויבט זיך אהן אום 12:00 אויפדערנאכט און גייט אהן ביז אום 7:30 אינדערפרי ווען אינצווישן איז מען מפסיק צו דאווענען וותיקין.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר נפתלי יעקב דרעזנער הי"ו פון קרית יואל, און הב' בן מוה"ר משה יוסף ווערטהיימער הי"ו פון וויליאמסבורג.

❧•❧

היינט אווענט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג פון 8:30L ביז 11:00 אזייגער אווענט בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו שליט"א אויף היוז סט.

❧•❧

מיט פרייד איז אויפגענומען געווארן אז עס איז שוין דא צו באקומען די ניי ערשינענע ספר "לב אהרן" אויף מס' אבות אין אלע געשעפטן אין די שטאט. פאר האלסעיל רופט הוצאת ספרים "יופי" .

אזוי אויך איז עס שוין דא צו באקומען ביי אלע מקוה אידן אין בתי מדרשינו.

❧•❧

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.